בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

בהעלותך (נשא בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 96
דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת און יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, יֶעדֶער אִיד וואו עֶר אִיז גֶעוֶוען, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ נַייֶע תּוֹרָה, אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְּשׁוּת. יֶעצְט דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְלֵייגְן אוֹיף קְלֵיין גֶעלְט!

אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר הָאט אַמָאל גֶעגֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ גְרוֹיסְן טְשֶׁעק פוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלַאר. דֶער אִיד וָואס הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם טְשֶׁעק הָאט גֶעוָואלְט גֵיין קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט מִיט אַ מִילך אִין גֶעשֶׁעפְט, עֶר גֵייט צוּ צוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעכְנְט אוּן גִיבְּט אִים דֶעם טְשֶׁעק, ”וָואס קֶען אִיךְ טוּן מִיט אַזַא טְשֶׁעק?” פְרֶעגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, ”נָא, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? נָאר דָאס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין טַאשׁ! דוּ וֵוייסְט? עֶס אִיז גָאר אַסַאךְ גֶעלְט!”

דֶער בַּעַל הַבַּיִת וַוייזְט אִים אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער דֶער גַאס גֶעפִינְט זִיךְ אֵיינֶער וָואס טוֹישְׁט אַלֶע סָארְטְן גֶעלְט, מְזֻמָּן, טְשֶׁעקְס א.ד.ג. פוּן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער אוֹיף קְלֶענֶערֶע מַטְבֵּעוֹת. ”גֵיי אַרִיבֶּער דִי גַאס אִין יֶענֶעם גֶעשֶׁעפְטְל אוּן טוֹישׁ עֶס אוֹיף”, זָאגְט אִים דֶער גֶעשֶׁעפְסְטְמַאן.

מִיר הָאבְּן אוֹיךְ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגֶע גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה, מִיט זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן עֵצוֹת – מִצְוֹת, מִיט נָאךְ גָאר אַסַאךְ מִצְוֹת דְּרַבָּנָן, עִנְיָנִים מִיט סוֹדוֹת אָן אַ שִׁיעוּר, טְעָמִים מִיט מִנְהָגִים בְּלִי סוֹף. יֶעצְט קִינְדֶערְלֶעךְ דַארְף מֶען עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ כְּלִי. אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס קוּמְט אָן צוּם גְרוֹיסְן יַם, קֶען עֶר נִישְׁט כַאפְּן אַ טְרִינְק וַואסֶער אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גְלָאז וִוי אַרַיינְצוּטוּן דָאס וַואסֶער אוּן מַאכְן אַ שֶׁהַכֹּל, אֲפִילוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אִיבֶּערְגֶענוּג וַואסֶער פַאר זַיינֶע אִיר אִיר אֵייניקְלֶעךְ. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ יַם, קֶען מֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלִינְגֶען אַלֶע




מִצְוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, מֶען נֶעמְט עֶס אַרַיין צוּבִּיסְלֶעךְ, אַבִּיסֶעלֶע אוּן נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע, יֶעדְן טָאג נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה, נָאךְ אַ מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת, נָאךְ עֶטְלִיכֶע גוּטֶע זַאכְן, דוּרְךְ דִי פָּשׁוּטֶ'ע מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים יֶעדְן טָאג.

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וַואשְׁט מֶען זִיךְ נֶעגְל וַואסֶער, מֶען טוּט אָן צִיצִית, א.א.וו. דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג מַאכְט מֶען פִיל מִצְוֹת, חֶסֶד, אֱמוּנָה, כִּבּוּד אָב וָאֵם, לֶערְנֶען תּוֹרָה, גוּטֶע מִדּוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען צוּצוּלֵייגְן דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוֹת, דָאס דַארְף אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר. מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ שָׁבוּעוֹת אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ נַייֶע תּוֹרָה, אָבֶּער חֲזַ"ל

המשך אויף זייט 9

# ווער שָׁאקְלְט דֶעם גְּלָאק אִינְמִיטְן נַאכְט?!

דֶער פָּרִיץ פוּן קִיבְּלִיטְשׁ, הָאט זַייעֶר אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אוּן לִיבּ גֶעהַאט דֶער פְּרֵיילִיכֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד ר' אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשְׁער ע"ה, דֶער שְׁוֶוער פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל. דֶער פָּרִיץ פְלֶעגְט טֵיילְן וֵוייץ פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט פוּן שְׁטָאט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶעם פֶּעקְל פַאר ר' אַהֲרֹן עֶר זָאל עֶס טֵיילְן פַאר דִי אִידִישֶׁע אָרֶעמֶעלַייט פוּן שְׁטָאט, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט זִיךְ דֶער פָּרִיץ גֶערֶעכְנְט מִיט ר' אַהֲרֹנְ'ס מֵיינוּנְג אִין אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אָרֶעמֶער אִיד מִיט אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעצָאלְט דִי דִירָה גֶעלְט פַארְ'ן פָּרִיץ. דִי שְׁלִיחִים פוּנֶעם פָּרִיץ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן פוּן שְׁטוּבּ אִינְמִיטְן פְרָאסְטִיגְן וִוינְטֶער, וָואס מֶען הָאט נָאר פְּרוּבִּירְט צוּ שְׁתַדְ'לֶן בַּיים פָּרִיץ עֶר זָאל וֵוייך מַאכְן זַיין שְׁטֵייפֶע הַארְץ אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דֶעם אָרֶעמֶער אִיד, הָאט מֶען בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אִים צוּ פַארְגֶעבְּן דֶעם אִיד, עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיק אַהֵיים גֵיין.



אֵיין טָאג אִיז גֶעשֶׁען דֶער נֵס, וֶוען אִין קְלוֹיסְטֶער פוּנֶעם פָּרִיץ אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶערוּדֶער אִינְמִיטְן נַאכְט, דִי גְלָאקְן פוּן דֶער קְלוֹיסְטֶער הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען שָׁאקְלֶען פוּן זִיךְ אַלֵיינְס... אוּן הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶערוּדֶער אִינֶעם גַאנְצְן שְׁטָאט, דָאס הָאט זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁפִּילְט פַאר עֶטְלִיכֶע נֶעכְט.

אַ דֶערְשְׁרָאקֶענֶער אִיז דֶער פָּרִיץ גֶעקוּמֶען צוּ ר' אַהֲרֹן אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט פַּחַד וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי גְלֶעקֶעַרייעְן אִינְמִיטְן נַאכְט אָנְדֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל דָאס צוּרִירְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאסִירוּנְג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט ווְאוּנְדֶער צוּ ר' אַהֲרֹן.

"עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין ווְאוּנְדֶער", הָאט אִים ר' אַהֲרֹן מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "דָאס גֶעשֶׁעט וַוייל דַיין טַאטֶע אִיז בְּרֹגֶז אוֹיף דִיר, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה אִין עוֹלָם הָאֱמֶת..."

פְרֶעגְט דֶער פָּרִיץ: "וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן? וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער? מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה אִין עוֹלָם הָאֱמֶת וֶועגְן מִיר?!"

"יָא, דַיין טַאטֶע דָארְט הָאט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה וֶועגְן אַ עַוְלָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן." הָאט אִים ר' אַהֲרֹן גֶעגֶעבְּן צוּ הֶערְן.

דֶער פָּרִיץ מִיט אֵימַת מָוֶת פְרֶעגְט: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, וֶועלְכֶע עַוְלָה הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן?".

דִי עַוְלָה אַז דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דֶעם אִיד פוּן זַיין שְׁטוּבּ אִין אַ פְרָאסְטֶע נַאכְט אוּן גֶעלָאזְט אוֹיף דֶער אַייזִיגֶער גַאס אִים מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דוּ דַארְפְסְט דָאס שׁוֹין פַארְרֶעכְטְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַז דַיין פָאטֶער אִין קֶבֶר זָאל מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְפֵּידוֹת אוֹיף דִיר! הָאט אִים ר' אַהֲרֹן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דִי רֵייד זֶענֶען אַרַיין אִינֶעם פָּרִיצְ'ס הַארְץ, גְלַייךְ הָאט עֶר צוּרִיקְגֶערוּפְן דֶעם אָרֶעמַאן עֶר זָאל פְרֵיי צוּרִיקְגֵיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן הָאט אִים פַארְגִיטִיגְט אִיבֶּערְצוּבּוֹיעֶן זַיין שְׁטוּבּ פוּנְדָאסְנֵיי, כְּדֵי דֶער אִיד זָאל הָאבְּן מֶער הַרְחָבָה אוּן נִישְׁט וואוֹינֶען מִיט אַזַא אָרֶעמְקַייט וִוי בִּיז הַיינְט. צוּדֶערְצוּ הָאט דֶער פָּרִיץ אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם אִיד אַסַאךְ גֶעלְט אוּן אִים וַוייטֶער גֶעשְׁפַּייזְט מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט.

ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט דֶעם אִיד וָואס מִיט אִים הָאט דָאס פַּאסִירְט. (שיש"ק)

המשך אויף זייט 11

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

מַיין נָאמֶען אִיז יְהוּדָא,

אַ וָואךְ פַאר ל"ג בָּעֹמֶר הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גְעוֶוען אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין מִירוֹן. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גְעזָאגְט תְּהִלִּים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מְוַותֵּר גְעוֶוען אֲפִילוּ אֵיין טָאג, יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט תְּהִלִּים. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גְעפָארְן אִין מִירוֹן, אִיךְ בִּין יֶעצְט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִיךְ דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן.

אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען נָאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִידְן גֵייעֶן דַאוֶונֶען, טַאנְצְן, אַלֶעס עֶרְלִיךְ.

• • •

**נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה**



אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים, אוּן גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם, בֶּעט אִיךְ פַאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בִּזְכוּת דִי תְּהִלִּים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט זָאל מָשִׁיחַ קוּמֶען אוּן דֶער צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זִי"עַ זָאל זַיין אָפְן, אַז אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען פָארְן אוֹיף זַיין קֶבֶר אַלֶעמָאל אוּן אוֹיךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל גֶעבּוֹיט וֶוערְן אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען דַאוֶונֶען דָארְטְן צוּזַאמֶען.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מִתְפַּלֵּל יֶעדְן טָאג אִין חֵדֶר, וַוייל אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַאוֶונֶען הֶעלְפְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער. מֶען קֶען זָאגְן אֵיין קַאפִּיטְל אוּן נָאךְ אַ קַאפִּיטְל, אֲפִילוּ אֵיין פָּסוּק קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט מֶען פוֹעֶל'ן אַלֶעס גוּטְס

**מַזָל טוֹב יְהוּדָא פַאר דַיין סִיּוּם, דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן רֶבִּי'ס זָאלְן הָאבְּן פוּן דִיר אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.**

• • •

לֶעצְטֶע וָואךְ שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט מַיינֶע קַארְטְלֶעךְ פוּנֶעם רֶבִּי'נְס אוֹר אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערְלֵייגְט אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס מְקַבֵּל גְעוֶוען בְּאַהֲבָה, אָפָּאר טֶעג נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען גָאר אַסַאךְ קַארְטְלֶעךְ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען מֵיינֶען, אוֹי, אִיךְ הָאבּ דֶערְלֵייגְט, אָבֶּער אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַזוֹי פַארְדִינְט מֶען. דָאס אִיז גְעוֶוען אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ עֶס מְקַבֵּל גְעוֶוען בְּאַהֲבָה הָאבּ אִיךְ צוּרִיקְבַּאקוּמֶען זֶעקְס מָאל אַזוֹיפִיל וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְדֶעם דֶערְלֵייגְט!

**נַחְמָן**



# דִּי פַּארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ

~2~




דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶען טָאג אִיז עֶר אַהִין גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אֵיין קְוַואל גֵיין. אוּן דִי מַרְאֶה פוּן דֶעם קְוַואל אִיז גִיוֶוען רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז גִיוֶוען פוּן וַויין. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת הָאסְטוּ גִיזֶעהְן. דָאס אִיז אֵיין קְוַואל (קֶער צוּ זַיין אִין אִים וַואסֶער) אוּן דִי מַרְאֶה אִיז רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז פוּן וַויין. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶפֶּעס פַּאר זוּכְט פוּן דֶעם קְוַואל. אִיז עֶר תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלְן אוּן הָאט גִישְׁלָאפְן כַּמָּה שָׁנִים זִיבֶעצִיג יָאר. זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַסַאךְ חֲיָילוֹת מִיט דִי אוֹבַאזִין וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ. אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ בַּיי הַאלְטְן פַּאר דִי חֲיָילוֹת. נָאךְ דֶעם אִיז גִיגַאנְגֶען אֵיין קַארְטֶע אוּן דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דִי בַּת מֶלֶךְ. הָאט זִי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבְּן אִים. אוּן אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶעבְּן אִים. אוּן הָאט אִים דֶערְקֶענְט. אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גִיוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט דֶער וֶועקִין, הָאט זִי אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגְן אוֹיף אִים. בַּאֲשֶׁר אַזוֹי פִּיל אוּן אַזוֹי פִּיל יְגִיעוֹת אוּן טֶרְחוֹת. אַזוֹי פִּיל יָארְן וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ אוּן הָארֶעוֶועסְט אַזוֹי לַאנְג כְּדֵי אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען, אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן וָואס דוּ הָאסְט גִיקָאנְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען. הָאסְטוּ גָאר אָן גִיוָוארִין. אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט. זִי הָאט גִיזָאגְט. עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין דָא. אוּן קָאן נִיט אַרוֹיס וְכוּ׳. דֶער נָאךְ הָאט זִי גִינוּמֶען אֵיין פַּאטְשֵׁיילֶע פוּן דֶעם קָאפּ. אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָן גִישְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערֶן אוּן הָאט אַנִידֶער גִילֵייגְט לֶעבְּן אִים אוּן אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער קַארִיטֶע. אוּן אִיז אַוֶועק גִיפָארְן.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת. ווִי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַזוֹי אַסַאךְ חֲיָילוֹת זֶענֶען דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן אַז עֶס אִיז דָא גִיוֶוען דִי קַארִיטֶע. אוּן אַז זִי הָאט גִיוֵויינְט אִיבֶּער אִים. אוּן זִי הָאט גִישְׁרִיגְן עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. וְכוּ׳ כַּנַּ״ל. דֶער וַוייל הָאט עֶר אֵיין בְּלִיק גִיטָאן הָאט עֶר דֶער זֶעהְן דִי פַּאטְשֵׁיילֶע לִיגְט לֶעבִּין אִים הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען אִיז דָאס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. זִי הָאט עֶס אִיבֶּער גִילָאזְט אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָן גִישְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערִין הָאט עֶר (אִים) גִינוּמֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע אוּן הָאט זִי אוֹיף גִיהוֹיבְּן אַקֶעגְן דֶער זוּן. הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן דִי אוֹתִיוֹת הָאט עֶר אִיבֶּער גִילֵיינְט וָואס דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אִיר קְלָאגְן אוּן אִיר גִישְׁרֵיי כַּנַּ״ל. אוּן (דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען גִישְׁרִיבֶּן) אַז הַיינְט אִיז זִי שׁוֹין נִיט אִין דֶעם שְׁלָאס (וָואס אוֹיבְן אִיז גִישְׁטַאנֶען) נָאר עֶר

זָאל זוּכִין אֵיין גָלְדִינֶעם בַּארְג מִיט אֵיין פֶּערְלִינֶעם שְׁלָאס דָארְט וֶועסְטוּ מִיךְ גִיפִוּנֶען.

הָאט עֶר אִיבֶּער גִילָאזְט דֶעם מְשָׁרֵת אוּן אִיז שׁוֹין אַלֵיין גִיגַאנְגֶען זִי זוּכְן. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גִיזוּכְט כַּמָּה שָׁנִים. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. אַז אִין יִשּׁוּב גִיפִינְט זִיךְ בְּוַדַּאי נִיט קֵיין גִילְדֶענֶער בַּארְג אוּן אֵיין פֶּערְלֶענֶער שְׁלָאס. וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען גְנִיט אִין דִי קְרַאנִיקֶיס (לַאנְדקַארְט) עַל כֵּן וֶועל אִיךְ גֵיין אִין מִדְבָּרִיּוֹת דָארְטְן זוּכִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זִי זוּכִין אִין מִדְבָּרִיּוֹת כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר דֶער זֶעהְן זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ וָואס דִי גְרֵייס אִיז גִיוֶוען נִיט מֶענְטְשְׁלִיךְ. אוּן הָאט גִיטְרָאגְן אֵיין גְרוֹיסֶען בּוֹים. וָואס אִין יִשּׁוּב גִיפִינְט זִיךְ נִיט אַזוֹי אֵיין גְרוֹיסֶער בּוֹים אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִים גִיפְרֶעגְט: וֶוער בִּיסְטוּ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ בִּין אֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְשׁ פַּאר וִוינְדֶערְט. אוּן הָאט גִיזָאגְט אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל דָא נִיט גִיזֶעהְן קֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַּ"ל. אוּן אַז עֶר זוּכְט אַ גִילְדֶענֶעם בַּארְג אוּן אַ פֶּערְלֶנֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט עֶס אִיז בְּוַודַּאי נִיט פַּאר הַאנְדֶען אוּן הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט מֶען הָאט דִיר אַיין גִירֶעט אֵיין נַארִישְׁקֵייט וָוארִין עֶס גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודַּאי נִיט. הָאט עֶר זֵייעֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ וֵוינֶען (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זֵייעֶר גִיוֵוינְט אוּן הָאט גִיזָאגְט) עֶס גִיפוּנְט זִיךְ בְּוַודַּאי יוֹא עֶס מוּז זִיךְ עֶרְגֶעץ גִיפוּנֶען. אוּן עֶר הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען (הַיְינוּ דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט) מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט אַיין גִירֶעט אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) עֶס אִיז בְּוַודַּאי פַּאר הַאנְדְן עֶרְגֶעץ.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) נָאךְ מַיין דֵיעָה נָאךְ אִיז דָאס אֵיין נַארִישְׁקֵייט נָאר וַוייל דוּ שְׁפַּארְסְט זִיךְ בְּכֵן אִיךְ בִּין אֵיין מְמוּנֶּה אִיבֶּער אַלֶע חַיּוֹת וֶועל אִיךְ דִיר צוּ לִיבּ טָאן אוּן וֶועל צוּם אוֹיף רוּפֶען אַלֶע חַיּוֹת זֵיי לוֹיפְן אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער וֶועט וִויסִין אֵיינֶע פוּן זֵיי פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס הַנַּ"ל. הָאט עֶר צוּם אוֹיף גִירוּפְן אַלֶע חַיּוֹת פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס אוּן הָאט זֵיי גִיפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי אַלֶע גִיעֶנְטְפֶערְט זֵיי הָאבְּן נִיט גִיזֶעהְן. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט זֶעסְטוּ מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט אַיין גִירֶעט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָאלְגִין קֶער דִיךְ אוּם וָוארִין דוּ וֶועסְט בְּוַודַּאי נִיט גִיפִינֶען וָוארִין עֶס אִיז נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁפַּארְט אוּן הָאט גִיזָאגְט עֶס מוּז בְּוַודַּאי יוֹא זַיין.




הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) אִיךְ הָאבּ אֵיין בְּרוּדֶער אִין דֶער מִדְבָּר אוּן עֶר אִיז אַ מְמוּנֶּה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי מַחֲמַת זֵיי פְלִיעֶן הוֹיךְ אִין דֶעם אַוִיר. טָאמֶער הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִים אוּן זָאלְסְט אִים זָאגִין אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִישִׁיקְט צוּ אִים.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אִים זוּכִין הָאט עֶר וִוידֶער גִיפוּנֶען זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסִין מֶענְטְשׁ כַּנַּ"ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גִיטְרָאגִין אֵיין גְרוֹיסִין בּוֹים אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיפְרֶעגְט וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַז דֶער בְּרוּדֶער הָאט אִים גִישִׁיקְט צוּ אִים. אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ מַדְחֶה גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר עֶס גִיפִינְט זִיךְ

בְּוַודְאַי נִיט. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְצִיר גִיוֶועןֶ עֶס אִיז בְּוַודְאַי יוֹא דָא.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אִיךְ בִּין אֵיין מְמוּנָה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת וֶועל אִיךְ זֵיי רוּפְן טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי. הָאט עֶר צוּם אוֹיף גִירוּפְן אַלֶע עוֹפוֹת אוּן הָאט אַלֶע גִיפְרֶעגְט פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. הָאבְּן זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט זֵיי וֵוייסִין נִיט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט זֶעסְטוּ עֶס אִיז בְּוַודְאַי נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָּאלְגְן קֶער דִיר אוּם וָואִרין עֶס אִיז בְּוַודְאַי נִיט דָא. אוּן עֶר (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁפַּארְט אוּן הָאט גִיזָאגְט עֶס אִיז בְּוַודְאַי יָא דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט וַוייטֶער אִין דֶער מִדְבָּר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט מַיין בְּרוּדֶער עֶר אִיז אֵיין מְמוּנָה אִיבֶּער אַלֶע ווִינְטְן אוּן זֵיי לוֹיפִין אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים זוּכִין, הָאט עֶר ווִידֶער גִיפוּנֶען אֵיין גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ כַּנַ״ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גִיטְרָאגִין אֵיין גְרוֹיסִין בּוֹים אוּן הָאט אִים אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט כַּנַ״ל. הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַ״ל. הָאט אִים דֶער מֶענְשׁ אוֹיךְ מַדְחֶה גִיוֶוען. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט עֶר וֶועט אִים צוּ לִיבּ טָאן אוּן וֶועט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין צוּם אוֹיף רוּפִין אַלֶע ווִינְטְן אוּן וֶועט זֵיי פְרֶעגְן. הָאט עֶר זֵיי גִירוּפְן. זֶענֶען גִיקוּמֶען אַלֶע ווִינְטְן הָאט עֶר אַלֶע גִיפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי קֵיינֶער נִיט גִיוואוּסְט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער מֶענְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) זֶעסְטוּ אַז מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט דֶער צֵיילְט. הָאט אָן גִיהוֹיבְּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז בְּוַודְאַי יוֹא דָא.

דֶער וַוייל הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אָן גִיקוּמֶען נָאךְ אֵיין ווִינְט הָאט זִיךְ דֶער מְמוּנָה אוֹיף אִים גִיבֵּייזֶערְט וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַאר שְׁפֶּעטִיקְט צוּ קוּמֶען אִיךְ הָאבּ דָאךְ גוֹזֵר גִיוֶוען אַז עֶס זָאלְן קוּמֶען אַלֶע ווִינְטְן פַאר וָואס בִּיסְטוּ נִיט גִיקוּמֶען מִיט זֵיי. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַארְזָאמְט מַחֲמַת אִיךְ הָאבּ בַּאדַארְפְט אָפּ טְרָאגִין אֵיין בַּת מֶלֶךְ צוּ אֵיין גִילְדֶענִים בַּארְג מִיט אֵיין פֶּערְלְנִים שְׁלָאס הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶער פְרֵייט (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶער פְרֵייט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ הֶערִין דָאס וָואס עֶר ווִיל).

הָאט גִיפְרֶעגְט דֶער מְמוּנָה אִיבֶּער ווִינְטְן דֶעם ווִינְט וָואס אִיז דָארְטִין טַייעֶר. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט דָארְט אִיז אַלְדִינְג טַייעֶר. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן דֶער מְמוּנָה אִיבֶּער ווִינְטִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת בַּאֲשֶׁר אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ זוּכְסְט זִי אוּן ווִי פִיל יְגִיעוֹת דוּ הָאסְט גִיהַאט בְּכֵן טָאמֶער וֶועסְטוּ הַיינְט הָאבִּין אַ מְנִיעָה מַחֲמַת גֶעלְט עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין אַ כֵּלִי אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַרַיין טָאן דִי הַאנְט וֶועסְטוּ פוּן דָארְט אַרוֹיס נֶעמֶען גֶעלְט. אוּן הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם ווִינְט אַז עֶר זָאל אִים טְרָאגִין אַהִין אִיז גִיקוּמֶען דֶער שְׁטָארִים ווִינְט אוּן הָאט אִים אַהִין גִיטְרָאגְן. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט צוּם טוֹיעֶר. זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען חַיָילוֹת אוּן הָאבִּין אִים נִיט גִילָאזְט אִין שְׁטָאט אַרַיין. הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי הַאנְט אִין דֶער כֵּלִי אוּן הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען גֶעלְט, אוּן הָאט זֵיי מְשַׁחֵד גִיוֶוען. אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין שֵׁיינֶע שְׁטָאט.

אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין גְבִיר אוּן הָאט זִיךְ אָן גִידוּנְגֶען קֶעסְט. וָואִרין מֶען בַּאדַארְף זִיךְ דָארְטְן פַאר זַאמֶען. וָואִרין מֶען מוּז זֶעהְן מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל זִי אַרוֹיס נֶעמֶען (אוּן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט) צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען אָמֵן סֶלָה.




## די ערשטע מעשה פון די פארלוירענע בת מלך (2)

א. **וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?**
- ☐ פארזוכט פון די קוואל וויין
- ☐ געגעסן פון די עפל
- ☐ פארזוכט פון די קוואל וואסער

ב. **וויפיל צייט איז ער געשלאפן?**
- ☐ א גאנץ יאר
- ☐ פופציג יאר
- ☐ זיבעציג יאר

ג. **האט ער זיך אויפגעוועקט ווען זי האט אים געוועקט?**
- ☐ יא, גלייך
- ☐ ניין
- ☐ נאך אפאר מאל וועקן

ד. **פארוואס האט זי געוויינט?**
- ☐ וויל ס'איז א גרויסע רחמנות אויף איר
- ☐ וויל ס'איז א גרויסע רחמנות אויף אים
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

ה. **מיט וואס האט זי געשריבן?**
- ☐ מיט א פענע
- ☐ מיט אירע טרערן
- ☐ מיט א פעדער

ו. **וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?**
- ☐ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ☐ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ☐ וואו בין איך אין דער וועלט

ז. **וויאזוי האט ער געליינט וואס ס'איז געשטאנען אין די פאטשיילע?**
- ☐ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן די לבנה
- ☐ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן דער זון
- ☐ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן א ליכט

ח. **וואס איז געשטאנען אין די פאטשיילע?**
- ☐ אירע קלאגן, און אז זי איז צוריק אין פאלאץ
- ☐ אירע קלאגן, און אז ער קען זי געפינען ביי א גאלדענע בארג מיט א פערלינענע שלאס
- ☐ אירע קלאגן, און אז זי איז אין די מדבריות

ט. **וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די חיות ?**
- ☐ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג
- ☐ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ☐ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט וואו

י. **וואס האט דער שני למלכות געטון?**
- ☐ ער האט זיך מייאש געווען פון זוכן
- ☐ ער האט געוויינט און געזאגט אז ס'איז בוודאי יא דא
- ☐ ער האט געוויינט ווייל ס'איז נישטא

יא. **וואס האבן די חיות געענטפערט?**
- ☐ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ☐ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ☐ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

יב. **וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די עופות ?**
- ☐ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינענע שלאס
- ☐ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ☐ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט וואו

יג. **וואס האבן די עופות געענטפערט?**
- ☐ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ☐ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ☐ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

יד. **וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די רוחות ?**
- ☐ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינענע שלאס
- ☐ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ☐ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט וואו

טו. **וואס האט געזאגט דער ווינט וואס האט געשפעטיגט צו קומען?**
- ☐ אז ער האט געדארפט טראגן א מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינענע שלאס
- ☐ אז ער האט געדארפט טראגן דימאנטן צו א גאלדענעם בארג און א פערלינענע שלאס
- ☐ אז ער האט געדארפט טראגן א בת מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינענע שלאס

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095** 1-518-329-9149



# מיין מדות ווינקל

## וָואס גֶעשֶׁעט נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת?!

אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אִינְגְל דַארְף זֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט נָארְמַאלְקַייט, נִישְׁט הָאבְּן קַיין הֶפְקֵרוּת, נִישְׁט זַיין וִוילְד, אָדֶער טוּן עֲבוֹדוֹת הֶעכֶער זַיינֶע כּוֹחוֹת.

וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז וִוילְד טוֹיג נִישְׁט, אַז מֶען אִיז וִוילְד הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, מֶען בְּלַייבְּט ׳קֵרֵחַ מִכָּאן וְקֵרֵחַ מִכָּאן׳! אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דֶער רֶבִּי רוּפְט אָן הִתְבּוֹדְדוּת ״יִשּׁוּב הַדַּעַת״! נִישְׁט זַיין וִוילְד. אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן עֶר אִיז וִוילְד, עֶר טוּט זַאכְן וָואס זַיין מֹחַ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען דָאס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין וֶועג! עֶר קֶען מַמָּשׁ אַרָאפּ גֵיין פוּן זִינֶען, אוּן וֶוערְן אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע! הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דָאךְ ׳יִשּׁוּב הַדַּעַת׳ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן; ״דוּ הָאסְט מִיר מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא מִין גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, צוּ אַזַא מִין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, צוּ אַזַא ׳אֱמֶת׳, לָאמִיר אַוֶועקְלֵייגְן דִי אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן. בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זִיךְ פִירְן אוֹיף אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע אֵיידֶעלֶע וֶועג וָואס אִיז פַּאסִיג פַאר מִיר אוּן פַאר מַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע דָאס אִיז דָאךְ מַיין מְנִיעָה צוּם רֶבִּי׳נְס זַאךְ, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין אִים וֶוען אִיךְ הָאבּ אִינְזִינֶען יֶענֶע נַארִישְׁקַייטְן.״

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט; ״דִי וֶועלְט זָאל וִויסְן וִויאַזוֹי אִיךְ לֶערְן דֶּרֶךְ אֶרֶץ, וָואלְטְן קֵסָרִים - דָאס מֵיינְט מְלָכִים - גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיךְ זָאל זֵיי לֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ״! דָאס אִיז אוֹיךְ דָא בַּיים רֶבִּי׳ן! בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז דָא אַן עֵצָה פוּן ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, פוּן ׳חֲצוֹת׳, אוּן סְ׳אִיז דָא אַן עֵצָה פוּן ׳דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳ אוֹיךְ, דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי׳ן!

יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם רֶבִּי׳ן אִיז פְּשַׁט אַז אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט דִי עֵצָה פֶעלְט פוּן מִיר, אָן דֶעם פֶעלְט אִינֶעם רֶבִּי׳ן זַאךְ! אוֹיבּ דִי מִדָּה פוּן ׳דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳ מִיט ׳יִשּׁוּב הַדַּעַת׳ פֶעלְט, פֶעלְט פוּן רֶבִּי׳ן! אִיז דֶער כְּלִי נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער כְּלִי וַוייל דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט!

רֶבִּי נָתָן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן דִי וֶוערְטֶער; ״זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דָאס הַארְץ אַזוֹי וִוי פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְד, אִיז דָאס אִים גְלַייךְ גֶעפָאלְן! מִיר דַארְפְן אוֹיךְ הָאבְּן דִי עֵצָה פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, נָאר דִי עֵצָה רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן ״יִשּׁוּב הַדַּעַת״, דִי עֵצָה דַארְף מִיךְ נִישְׁט מַאכְן ׳מְשׁוּגָע׳, אוֹיבּ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט מִיר מְשׁוּגָע אִיז דָאס נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת! אַדְּרַבָּה, דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן ׳יִשּׁוּב הַדַּעַת׳, אוּן עֶס מַאכְט מִיר גָאר מְשׁוּגָע, אִיךְ בַּאקוּם אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען דֶערְפוּן, אִיז עֶס הֶעכֶער פוּן מַיין מָאס.

מֶען דַארְף טַאקֶע זֶעהְן מְ׳זָאל וֶוערְן בֶּעסֶער, אָבֶּער אִיךְ דַארְף זִיךְ קֶענֶען וֶוער אִיךְ בִּין! אִיךְ דַארְף זַיין דֶערְמִיט מָלֵא שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב וֶוערְן צוּ דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין מִתְנַגֵּד אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, סְ׳אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב דִי אַלֶע סְפָרִים - דַארְף אִיךְ זַיין זֵייעֶר בְּשִׂמְחָה אוּן פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט

אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דִי ׳שִׁשָּׁה זְכִירוֹת׳, אֵיינְס פוּן דִי זְכִירוֹת אִיז; ׳זְכוֹר אַל תִּשְׁכַּח אֶת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ אֶת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר׳ פַארְגֶעס נִישְׁט - הָאסְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דֶערְצֶערְנְט,

המשך קומענדיגער זייט

דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם 'עֵגֶל', דַארְף מֶען דָאס גֶעדֶענְקֶען תָּמִיד. אוּן אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיזְט גֶעוֶוען אוֹיפְן 'בַּארְג סִינַי' אוֹיכֶעט! אָה, אִיז בֵּיידֶע זַאכְן דַארְף מֶען הָאבְן, דִי זְכִירָה - בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אוּן דַאנְקֶן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן הִתְקָרְבוּת פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן גֶעדֶענְקֶען - דוּ הָאסְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דֶערְצֶערְנְט, דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט פַּארְטִיג, דָאס דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען!

מִמֵּילָא הָאבּ אִיךְ דֶערְפוּן - אַז מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אַלֶע 'פָּאלִיטִיק', אִין דִי אַלֶע 'מַעֲשִׂיּוֹת'.

(בְּעאַרְבֶּעטֶע שִׁיעוּר פוּן רלו"י פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ)



המשך פון זייט 1

זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק 'אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי, 'יֶעדְן טָאג'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער גְרוֹיסֶער מַעֲמַד הַר סִינַי אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער גְרוֹיסֶער גֶעשֶׁעֶענִיש וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען שָׁבוּעוֹת, אָבֶער מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי אַ בְּרָכָה, 'אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ... בָּרוּךְ אַתָּה ה' "נוֹתֵן" הַתּוֹרָה'. עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט "נָתַן - גֶעגֶעבְּן" נָאר נוֹתֵן - עֶר גִיבְּט אוּנְז יֶעדְן טָאג אַ נַייעֶ תּוֹרָה, אַ פְרִישֶׁע בְּחִירָה צוּ אוֹיסְוֶועלְן דִי תּוֹרָה.

דָאס אִיז דִי שִׂמְחָה וָואס מִיר הָאבְן אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גוֹיִם, אוּנְז הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעוֶועלְט פוּן אַלֶע, אַלֶע, פֶעלְקֶער, מִיר זֶענֶען אִידְן מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים, מִיר טוּעֶן דִי מִצְווֹת וָואס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן זֶעט עֶס אוֹיס קְלֵיין, אָבֶער וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס בַּיינַאכְט אִין גַאס אוּן מֶען זֶעט דִי שְׁטֶערְנְס אוֹיף דֶער הִימְל, אוֹיבּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁטָאק-פִינְסְטֶערְן אָרְט קֶען מֶען זֶעט מִילְיאָנֶען קְלֵיינֶע שְׁטֶערְנְס, זֵיי קוּקְן אוֹיס וִוי קְלֵיינֶע פִּינְטְלֶעך, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז יֶעדֶער שְׁטֶערְן גֶעוַואלְדִיג גְרוֹיס, מֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן.



אוּנְזֶערֶע קְלֵיינְטְשִׁיקֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, דִי מִצְוֶה'לֶעך וָואס מִיר טוּעֶן, זֶעט אוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט זֵייעֶר פִּיצְל, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז יֶעדֶע מִצְוָה אַ עוֹלָם מָלֵא, טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים זֶענֶען אוּנְז מְקַנֵּא, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְן גֶעזָאגְט אִין אַקְדָמוּת, אַז דִי מַלְאָכִים וַוארְטְן אֵיינְמָאל אִין זִיבְּן יָאר צוּ זָאגְן קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, אוּן וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט נִישְׁט הָאבְּנְדִיג מֶער דִי זְכִיָּה צוּ נָאכְאַמָאל שְׁטֵיין פָאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן יֶעדְן טָאג בַּיי שַׁחֲרִית, מִנְחָה, אוּן מִיר זָאגְן קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר נַחַת רוּחַ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז נִישְׁט פוּן מַלְאָכִים, נָאר פוּן אוּנְז מֶענְטְשֶׁעלֶעך וָואס זֶענֶען גֶעמַאכְט פוּן פְלֵייש מִיט בֵּיינֶער, מִיט אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה מ"ט תִּנְיָנָא,

וְהוּא מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כְּשֶׁיֵּשׁ עֲדַיִן יֵצֶר הָרָע לְהָאָדָם... וְאִם אֵין יֵצֶר הָרָע לְהָאָדָם, אֵין עֲבוֹדָתוֹ שְׁלֵמָה כְּלָל! בִּפְרָט קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס חֲזַ"ל זָאגְן דֶער פָּסוּק מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז (תְּהִלִּים ח'), אַז פוּן דָאס מוֹיל פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן אִין זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט,

המשך קומענדיגער זייט

דארפן מיר זיך זייער פרייען און אנהאלטן אויף א גאנץ יאר די שמחה.

אינמיטן די וואכעדיגע פרשה בהעלתך את הנרות, פארציילט די תורה וועגן כלל ישראל וועלכע זענען געווען אין מדבר פערציג טעג, בשנה השנית האבן זיי מקריב געווען א קרבן פסח. עס זענען אבער געווען איינצעלע מענטשן וואס זענען געווארן טמא פאר א מת מצוה, זענען זיי געקומען צום משה רבינו און געזאגט: "רבי, אלע אידן זענען געווארן טהור דורך די אפר הפרה, און האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח, אזא מתנה! אבער מיר האבן ליידער נישט זוכה געווען, זייענדיג פארנומען מיט אן אנדערע מצוה, א מת מצוה, למה נגרע?! פארוואס זאלן מיר נישט האבן די זכיה?!



פרעגט ר' נתן א מורא'דיגע שאלה, וואס איז שייך צו זאגן למה נגרע, דו ביסט דאך געווען טמא, און פסח איז שוין אריבער, וואס קען מען יעצט טון?! זיי האבן אבער געוואוסט דעם סוד פון "אין שום יאוש בעולם כלל!" אפילו מען איז טמא, אויב מען בענקט, מען וויל און מען האפט, און מען וויל נאכאמאל, מען גייט צום רבי'ן, משה רבינו, מיט א הכנעה און א געבעט, למה נגרע?!

זאגט ר' נתן דאס גייט אריף אויף יעדן איד, מיר אלע ווילן זיין ריין און מקריב זיין קרבן ה', דאס מיינט דינען דעם אויבערשטן כסדר בקדשה מיט א שמחה, מיט א ריינקייט, אזוי ווי אלע צדיקים, אבער ליידער האבן מיר זיך פארשמירט, געווארן שמוציג, אבער איך וויל אויך!! איך וויל אויך זיין ערליך!

דארף מען קומען צום צדיק, אפילו איך האב זיך אליין פארשמירט, אבער פארט וויל איך באמת זיין ערליך, איך בין זיך נישט מייאש, איך שריי למה נגרע?! פארט וויל איך. קומט משה רבינו צום באשעפער און זאגט: "עס איז דא אידן וואס ווילן פארט, אפילו עס איז אריבער אויף זיי וואס איז נעבען אריבער!" זאגט דער באשעפער, אזוי?! זיי זענען זיך נישט מייאש, זיי ווילן נאך, האבן זיי גלייך באקומען א נייע מצוה וואס הייסט 'פסח שני'.

מיר ווייסן דאך אז פסח געפאלט אויס אין חדש ניסן, וואס איז געשען פלוצלינג אינמיטן חדש אייר, קומען אידן און מאכן א צווייטן פסח?! א חידוש שבחידושים! אבער דאס איז א סוד פאר יעדן איד אין יעדן מצב און עלטער וואס ער איז, אויב קומט ער צום צדיק און זאגט: "איך בין זיך נישט מייאש, רבי, איך וויל אויך, אפילו דער זמן איז שוין אריבער וויל איך פארט!", זאגט דער באשעפער פארן צדיק, איך וועל איך געבן נייע תקונים, נייע עצות, אזוי באקומט ער אן אור פון פסח שני.

די קריאה וואס מען ליינט וועגן דעם אין די פרשה וועט מעורר זיין דעם זמן און בכח די צדיקים וועלן מיר זוכה זיין צו באקומען די ליכטיגקייט פון די תורה מיט אירע עצות און בקרוב וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלמה אמן ואמן

צוּלִיב דָאס גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער פְּרִיץ הָאט גֶעהַאט צוּ ר' אַהֲרֹן, הָאט אִים דֶער פְּרִיץ גֶעשָׁאנְקְן אַן אִיטַאלִיעֶנִישֶׁער קוּ, וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ מִילְךְ. אַזוֹי הָאט ר' אַהֲרֹן - וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן גֶעהַאט אַ לֶעזוּנְג צוּ דִי גְרוֹיסֶע עֶנְגְשַׁאפְט וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט בַּיי אִים אִין שְׁטוּב, אוּן זִיךְ גֶעקֶענְט בְּרֵייט שְׁפַּייזְן אוּן גֶעהַאט פַּרְנָסָה בְּרֶוַח פוּן אָט דֶעם קוּ.



בִּיז וֶוען אֵיין טָאג קוּמְט ר' אַהֲרֹן אַהֵיים, אוּן דָאס גַאנְצֶע גֶעזוּנְדְל לוֹיפְט אִים אַנְטְקֶעגְן מִיט אַ וֵוי גֶעשְׁרֵיי. "וָואס אִיז גֶעשֶׁען פְּרֶעגְט ר' אַהֲרֹן מִיט נַייגֶער?!" דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן מִיט גְרוֹיס צַעַר: "דִי טַייעֶרֶע קוּ הָאט זִיךְ פַארְהַאנְקֶערְט אִין אַ שְׁטְרִיק, אוּן אִיז מֶער נִישְׁט צְוִוישְׁן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע!". וִוי נָאר ר' אַהֲרֹן הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "פוּן הִימְל הָאט מֶען עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט, אַנְשְׁטָאט אֵיינֶער פוּן דִי בְּנֵי בַּיִת זָאל חַס וְשָׁלוֹם שְׁטַארְבְּן אִיז דִי קוּ גֶעשְׁטָארְבְּן!!!" אַזוֹי הָאט עֶר דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזְר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל מִיט גְרוֹיס בִּטָּחוֹן אוּן פְרֵייד.

ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען זַיין שְׁוֶוער ר' אַהֲרֹן פְלֶעגְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּב אַרַיין, הָאט עֶר גֶעמַאכְט דִי שְׁטוּב פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ עֶר הָאט זַיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן - גֶעוֶוען אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַן אָרִימַאן! נָאר עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי שְׁטוּב פְרֵיילִיךְ, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז גֶעוָוארְן שִׂמְחָה'דִיג וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען. עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן אַ שְׁפְּרוּנְג אוּן אַ גֶעלֶעכְטֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד הָאט עֶר מְשַׂמֵּחַ גֶעוֶוען דִי שְׁטוּב, אַלֶע קִינְדֶער מְשַׂמֵּחַ גֶעוֶוען!

עֶר הָאט גֶעהָאט אַ גֶעדוּנְגֶענֶע טֵייל אִין דִי טַייךְ וָואס דָארְטְן הָאט מֶען גֶעהָאדֶעוֶועט פִישׁ, הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת: "זַיין מַזָל אִיז אִים גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער, אַז אֲפִילוּ דִי פִישׁ ווייסְן אַז וֶוען עֶר קוּמְט אַנְטְלוֹיפְן זֵיי נָאךְ פַאר עֶר קוּמְט!" "אַז ר' אַהֲרֹן גֵייט צוּם טַייךְ אַנְטְלוֹיפְן דִי פִישׁ".

## אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט פוּן בּוּשׁוֹת

אֵיינְמָאל וֶוען ר' אַהֲרֹן אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט ר' לֵוִי יִצְחָק אִין גַאס, הָאט אֵיינֶער פוּן דִי אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן שְׁטָאט אִים זֵייעֶר בַּאזַייפְט.. אוּן בַּאשְׁרִיגְן מִיט שְׁוֶוערֶע שְׁפָּאט רֵייד, ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט אִים גֶעוָואלְט שְׁטוּל מַאכְן אוּן פַארְשְׁוַוייגְן, פָארְן הָאבְּן אַזַא עַזּוּת אוּן חֻצְפָּה אִים אַזוֹי צוּ בַּאפַאלְן. אָבֶּער ר' אַהֲרֹן עֶנְטְפֶערְט וִוי אַ טוֹיבֶּער: "לָאז אִים! דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער גַאנְצֶער עִנְיָן, עֶר דַארְף מִיר בַּאשְׁרַייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, אוּן אִיךְ דַארְף, פַארְשְׁטָאפְּן דִי אוֹיעֶרְן אוּן שְׁוַוייגְן!".

"דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ, יֶענֶער דַארְף שְׁרַייעֶן אוּן אִיךְ דַארְף שְׁוַוייגְן".

עֶס אִיז אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע טֶעג, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אִיז ל"ע קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט אַ שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה, אַז זַיינֶע גְלִידֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן צֶעפַאלְן, קֵיינֶער אִיז אִים נִישְׁט אַרַיין בַּאזוּכְן, נָאר דִי טֶעכְטֶער פוּן ר' אַהֲרֹן זֶענֶען אַרַיין אִים הֶעלְפְן, אוּן גֶעטוּן דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט. הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט מִיט וֵוייטָאג אוּן צַעַר, אִיךְ ווייס אַז מַיין גַאנְצֶע פֵּיין אִיז נָאר ווייל אִיךְ הָאב פַארְשֶׁעמְט אֵייעֶר טַאטְן, אוּן אִיר קוּמְט מִיר נָאךְ הֶעלְפְן...

דִי מַעֲשֶׂה דֶערְמַאנְט אוּנְז סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן בֶּערְגֶער וְעָנִי, וֶוען דֶער זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרֶעסְטֶער שׂוֹנֵא דֶער קֵיסָר - וָואס הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'נֶען, "אוֹיב דֶער קֵיסָר וֶועט קוּמֶען דָא אַהֶער וֶועל אִיךְ אִים שְׁפַּייזְן!".

גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער, דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער שִׁיף הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם לָאךְ און גֶעשָׁאכְטְן אַ תַּיִש און מִיט דִי הוֹיט פַארְשְׁטָאפְּט דֶעם לָאךְ!
מִיר וֶועלְן אוֹיךְ שְׁרַייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער און עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן פַארְשְׁטָאפְן אוּנְזֶערֶע לֶעכֶער אִינֶעם טָאג, אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן פִילֶע טֶעג, און פָארְן מִיט זִיכֶערְקַייט אוֹיפְן שִׁיף, און אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע וַואסֶערְן.




# אין אבידה כאבידת הזמן




אַז מֶען הִיט נִישְׁט אוֹיף דִי טַייעֶרֶע צַייט, פַארְלִירְט מֶען גָאר אַסַאךְ, מֶען קֶען זִיךְ דֶערְטְרֶענְקֶען פוּן אַרְבֶּעט. מֶען דַארְף טְרֶעפְן דֶעם לָאךְ וָואס מַאכְט מִיר פַארְלִירְן מַיין טָאג!

לע"נ
ר' מנחם
בן
ר' צבי ע"ה